# קיביאַ

### א

כעס, נקמה, רויך.
אַ קליינע מחנה מיט רציחה אין די אויגן.
אָנגעגורט מיט פייל און בויגן,
אין נאַכטיקן פאַרראַט,
האָבן מיינע ברידער
רחמנות אין זיך אָפּגעשמדט,
און פּסול געמאַכט דעם פאַרמעט פון מיין לעבן.
גאָט מיינער פון געדולדיקן בית-מדרש,
שווער אַזאַ פינסטערע העלדישקייט צו פאַרגעבן.

### ב

מיין פאָלק, מיין פאָלק פון רחמנות,
ייד פון מיין גאַנץ לעבן.
כ׳וועל דיך נישט אַוועקשענקען
פאַר די גרעסטע אַרסענאַלן פון גבורה.
פאָלק פון מיין גוטן טאַטן,
אויף פרעמדער פוילישער ערד.
וויפל האָסטו מיט מיר איינגעקנעלט גוטסקייט,
פון מיינע חדר-יאָרן אָן.
שטאָלץ מיינער, אויסדערוויילטער.
פאַרגלותטע פעסטקייט.
באַפריי זיך נישט פון מיינע גערעכטע דלד אמות.
גיי נישט אַוועק אין וועלט-געפאַנגשאַפט,
מיט בלוטיקע קייטן אויף די הענט.

### ג

שונא מיינער, מיין שטאַרקער אָרעם
וועט אויך זיין גערעכט.
פאַרשוועכט וועט נישט זיין
דאָס יידישע וואָרט.
דאָס אָרט וואו ס׳וועט געלייגט ווערן
דער שלום-שטיין,
וועט זיין פעלזן-פעסט און ריין.
און אַז מיר וועלן אַלע געפאַלענע ציילן,
וועלן מיר די טרויעריקע וואונדן היילן,
מיט רחמים, מיט גלויבן;
אַז אַפילו אויפן פעלד פון שלאַכט,
אין דער פאַרשעמטער, פינסטערער נאַכט,
מוזן אונזערע זין זיין ליכטיקע יידן.
נישט קיין אַנפאַלערישע רוצחים,
נאָר באַשיצערס, זיגערס, הויך-דערהויבן.